**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/7/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**גאווערנער האָקול אנאנסירט ניו יארק סיטי סאבוועי גרייכט רעקארד צאל פארער אום מערעטאן וויקענד**

***2.11 מיליאן פארער אום מערעטאן זונטאג; 2.45 מיליאן פארער אום שבת, ברעכנדיג דעם שבת׳דיגן רעקארד דריטע וואך אין א צי***

***פאראטראנזיט טראגט 100 פראצענט פון בעפאר-פאנדעמיע פארערשאפט אום שבת, מיט איבער 16,000 גע׳סקעדזשיול׳טע טריפס***

***זעט [בילדער](#) פון מערעטאן זונטאג סאבוועי סערוויס***

***זעט [ווידעאו](#) פון היינטיגן פרעסע קאנפערענץ***

גאווערנער קעטי האָקול האט היינט געמאלדן אז דער מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט ניו יארק סיטי סאבוועי האט דערגרייכט 2.11 מיליאן נעכטן, איבערשטייגנדיג די פריערדיגע פאנדעמיע-תקופה זונטאג פארערשאפט רעקארד געשטעלט אום יוני 26, 2022, מיט 2.01 מיליאן, און 84 פראצענט פון בעפאר-פאנדעמיע באזע-ליניע פאר׳ן פארגליכענעם צווייטן זונטאג פון נאוועמבער אין 2019. די פארערשאפט איז 12 פראצענט מער ווי די פאראיאריגע מערעטאן זונטאג סאבוועי פארערשאפט פון 1.89 מיליאן, און 13 פראצענט מער ווי די פריערדיגע זונטאג פארערשאפט פון 1.88 מיליאן.

״מיט רעקארד-ברעכנדע וויקענד פארערשאפט אין יעדע פון די לעצטע דריי וואכן, בלייבט אונזער פובליק טראנזיט׳ס ערהוילונג פון די טונקלסטע טעג פון דער פאנדעמיע אויפ׳ן טרעק,״ **האט גאווערנער האָקול געזאגט.** ״קאמיוּטער, סטודענטן, טוריסטן און מערעטאן לויפער ווייסן אלע אז דער בעסטער אופן ארומצופארן ניו יארק סיטי איז אונזער וועלט-באריממטער טראנזיט סיסטעם. פארער האלטן אין איין צוריקקומען צו דער סאבוועי, און מיר אינוועסטירן אין פאליציי, קאמערעס און אויפפאסונג אויף צו פארזיכערן אז אונזערע פארער באקומען די בעסטע מעגליכע דורכלעבעניש לענגאויס דעם סיסטעם.״

דער רעקארד-ברעכנדע זונטאג, אום טאג פון דעם 51׳סטן לויפן פון דעם ניו יארק סיטי מערעטאן, איז געקומען אויף די שפורן פון נאך א שבת׳דיגע נאך-פאנדעמיע רעקארד. ערב דעם ניו יארק סיטי מערעטאן, זענען 2.45 מיליאן מענטשן געפארן מיט׳ן סאבוועי, איבערשטייגנדיג דעם רעקארד צאל פון 2.44 מיליאן פאריגע וואך שבת. אין צוגאב צום דריטן רעקארד-ברעכנדע טאג איר א ריי אויף די סאבוועיס אום שבת, האט פאראטראנזיט אויך געבראכן א רעקארד. אום שבת האט פאראטראנזיט געטראגן 100 פראצענט פון איר בעפאר-פאנדעמיע באזע מיט 16,800 גע׳סקעדזשיול׳טע טריפס.

די רעקארדס קומען אום טאג וואס MTA באאמטע האבן אויסגעמאלדן פלענער צו רעדוצירן פלאנירטע מעינטענענס-פארבינדענע סערוויס ענדערונגען אין דעם סאבוועי סיסטעם כדי צו פארזיכערן אז ניו יארקער קענען ארומפארן דער שטאט מיט די וויניגסטע צאל שטערונגען אום מערעטאן זונטאג.

**MTA פארזיצער און CEO דזשענא ליעבער האט געזאגט,** ״די שטאט און דער ראיאן זענען געבויט אויפ׳ן סוקסעס פון מאסן טראנזיט. איר הערט ווי איך זאג כסדר, עס איז פאר ניו יארקער ווי לופט און וואסער, אבער עס איז ווארער. איך האב קיינמאל קיין צווייפל נישט געהאט אז דער NYC טראנזיט טיעם וועט עס קענען באווייזן. די סארטן גרויסע וויקענדס איז דאס געניוע באדייט פון ניו יארק. ניו יארק סיטי׳ס אומקער איז לעבעדיג און געזונט. סיי ווער עס איז געווען אויפ׳ן גאס אדער אין סאבוועי נעכטן האט געקענט שפירן די ענערגיע און התרגשות.״

**ניו יארק סיטי טראנזיט פרעזידענט ריטשערד דעיווי האט געזאגט,** ״דער בעסטער וועג ארומצופארן ניו יארק סיטי אום מערעטאן זונטאג איז דורכ׳ן סאבוועי, און ניו יארק סיטי טראנזיט פלאנירט פון פאראויס אויף צו מינימיזירן פלאנירטע סערוויס ענדערונגען צוליב טרעק ארבעט אויף א פאראויסגעזאגטע פארנומענע זונטאג פאר׳ן טראנזיט סיסטעם, און די פארערשאפט רעזולטאטן צייגן אז דער באשלוס איז עס ווערד געווען. די רעדוקציע אין פלאנירטע סערוויס ענדערונגען העלפט מוטיגן פארערשאפט, און עס באדייט אויך אז די וואס זענען געפארן אויפ׳ן סיסטעם האבן געהאט א שנעלערן און מער פארלעסליכן טריפ.״

**ניו יארק סיטי טראנזיט סוף-וואך סאבוועי צאר האזע לאַ-סאַלל האט געזאגט,** ״אונזערע מאנשאפטן זענען געווען ספעציעל אנגעשפיצט אויף זיכער צו מאכן אז די איינציגסטע פארזוימונגען נעכטן זענען געווען בלויז רגעים און אז עס איז נישט געשטערט געווארן קיינעמ׳ס פעאיגקייט אנצוקומען צו אנהייב ליניע אדער צו גיין אויף זיג-זעג אריבער דער שטאט אויף צוזעזן ווי זייערע פריינט און נאענטע לויפן אין דעם מערעטאן. כאטש לויפער זענען אויסגעשטאנען פארהאלטנסמעסיג הויכע היצן און פייכטקייט פאר אנהייב נאוועמבער, איז אבער אלץ געפארן גלאטיגערהייט אונטער דער ערד אזוי ווי מיר האבן זיך קאנצענטרירט אויף ארומצופירן מענטשן איבער דער שטאט זיכער און ווירקזאמערהייט און באטאנט דאס מאכן פארבינדונגען צווישן נאכ׳ן רעיס באנען.״

**קערין העמפעל, CEO פון ניו יארק ראוד ראנערס, האט געזאגט,** ״מיט 50,000 לויפער און מיליאנען צוקוקער אויף די זייטן פונעם געלויף, איז דער TCS ניו יארק סיטי מערעטאן אנגעוויזן אויפ׳ן MTA צו העלפן זיכער מאכן אז יעדער האט אן אנגענעמע דורכלעבעניש. ניו יארק ראוד ראנערס איז דאנקבאר פאר׳ן MTA׳ס צוזאמארבעט אויף צו פארזיכערן אז דער געלויף טאג לויפט ווי גלאטיג מעגליך כדי אז לויפער און צוקוקער קענען אנקומען ארום דער שטאט און ברענגען זייער ענערגיע צו דער וועלט-בארימטער פארקומעניש.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418